דער נעכטן

(צוואנציג יאָר אַש)

פאר צוואנציג יארן, אין ווארשעווער גאסן האט מען געקאָנט זעהן בלאָנקען א לאנגען בחור מיט פייערדיגע אויגן, מיט א יידישער נאז, קרעפטיג אין שעמעוודיג ווי א קליינשטעטלדיגער התן־יונג. אמאל פארחלומט פאר א גרויסער שפיגל־גלאז מיט ביליגן לוקסוס, אמאל געגלאָצט נאך א פאַניענטקע מיט א שפילנדיג פיסל און ווייסע שמייכל־ציינדלאך. קאנסקעוואליער געראטענער בחור. אין דער שטילער היים — דער וואויל־לערנער אין דער אלטער קלויז. אבער געפוצטע קאשקעטלאך מיט האלב־פארשאַרטע פאות האבן מיט רעספעקט געקוקט אויף דעם פארבארגענעם משכיל: שלינגט סאקאלאווס „דברי־הימים" און האט א קארטל פון „אים אליין". בא באגעגעניש האט בא מיידלאך ראמאנלייענערינס אויף און אפ געפּאָכט דער בוזעם: אט דער פארטראכטער בחור, דער יונג און זיידנקינד, וואס „שראַבט" גראמען צי אזוי!

דא אין ווארשע איז ער פוסטריט נאכגעגאנגען דעם יידישן פּריץ מיט גראָבע וואָנסן, מיט דער וואוילערישער פּעלערינע. אין זאקסישן גארטן, צווישן יונגע מיידלאך און זויערע בחורים, האט דער פּריץ געשיט מיט וויץ און בליץ, אויסגעלאכט גאר די גדולים און פארמאסטן זיך מיט א וועלט. דער יונג האט געגאַפט, קוים געגלויבט, אז דאס איז ער, דער פון די „מקובלים" פון „ווענוס און שולמית", פון די „נייטארינס" און פון „מוסר". ווערט מען רויט ווי א מיידל, ווען יענער ווארפט א ווארט צו אים, אדער באפעלט מיט א ווינק מיט די אויגן: נו, בחור, ארויס מיט די כתבים!

מער האט געשפּאָרנט „מוסר". ס׳האט גערירט און געקיצלט. די יידענע — זי שמייסט דאך גאט שטיינער אין די שויבן! און דאס מיידל („די מויד") מיט די שווארצע צעפּ — קנאַקט צוקערלאך און כאפט בגנבה׳שע קושן!

הייסט דאס: „מ׳מעג"!?

געגאפט, נאר פרעגן ניט געוואגט, די מורא פארן פּריץ מיטן בייסיגן געלעכטער!

מ׳מעג! אין אראפּ די לאנגע קאַפּאטע, און פאררייסן די אראפּגעלאזטע וויהעס, און דערזעהן מיט נייע אויגן.

קאָנסקעוואָליע האט זיך אריר געטאן. אשטיל־פארפרעסטער יוגנט־ציטער האט אויפגעריסן מיט א אימפעט פון טרפה׳ן בלוט, מיט א האַק מיט דער פויסט אין טיש: „יאַך וועל אַך וואַזן, ארוח אין אַערע ביינאַ אַראַן!"

קאָנסקעוואָליע האט געצערטלט די אידיליע, דער זיסער סענטימענט. די אידיליע האט זיך דא געשפּייזט פון קליינשטעטלדיגער רחבות, פון דעם געזעצטן לעבענסשטייגער אהן טיפערע סאציאלע און גייסטיגע קאנפליקטן. נאָך מער — פון תמימות, פון א יוגענטליך וועלטבאנעמען. דא האט נאך יוגנט שפּאצירט אין וואלד, געגאפט אויף דער לבנה, שטילערהייט געקוויקט זיך מיט שמר׳ס העלדן, מיט ווארשעווער אַקטיאָרן. פרישקייט פון מענשן, וואס האבן אנגעקליבן לייב און באגערן, דער מוח אי בא זיי קוים געעפנט, דאס הארץ ניט גערירט, פול מיט באהאלטענער זאפט און קראפט, ווי דער ערשטער שפּראָץ אויף א יוירנדיג פרילינג־פעלד. מיט אזא פרישקייט אין הארץ און אין אויג קוקט קאנסקעוואליע ווי נײ־געבוירן, זעהט ניט קיין קאנפליקטן, אדער פארטראגט זיי ניט לאנג, שטימט זיי אויס אין א פארטרוימטער ביינקשאפט, אדער קערט זיך אפ: ווער האט זיי דאס אויסגעטראכט!

דא איז „גאטס וועלט", חנ׳עוודיגע יונגל - מיידל - ליבע, ס׳בענקט א בלאסע לבנה, א וואלד טרוימט, וואסער סודעט, זאנגען זאגן שירה. אליין דערהערט, בא קיינעם ניט גענומען גרייטס. ס׳זינגט אין הארצן, נאר וואס געעפנט פאר לופט און לוסט, אזוי ווי הינטער פיר אויגן אין שטילן געסל; דער בוים איז מיין פריינט, און ס׳קוועלט צו מיר די זון, און ס׳גלעט מיר דאס ווינטל, און מלאכים שפּילן זיך מיט מיר, און ס׳איז ליב און שיין און זיס!

דאס געניץ־שטעטל, ציגן אין מארק און שטויב אין קלויז, שווייסעגע בערד און מעוברת׳ע שייטלאך, וועקסענע גערגעלאך און מגושם׳דיגע שמייסערס, — דאס גארע פאַרדומפּטע געמויזאכטס האט מיט אמאל געקריגן חן און פארב, באשטראלט מיט זון און מיט טרוים, אזויווי די כלה די יתומה אונטערן חופה־שלייער בא ברענענדיגע הבדלות און צניעות׳דיגן מיידל־קליידל־טאנץ.

וואס איז דא געשעהן?

דאס האט קאָנסקעוואָליע נאר וואס געעפנט די אויגן, אנגעהויבן צו זעהן און זייניגע די אויגן געריסן: זעהט און הערט און גאַפט! א יוגנט מיט א תמימותדיגער פאנטאזיע, מיט אן ערשט־אויפגעוואכט געפיל האט דא בא׳חנט מיט הארץ, מיט ביינקשאפט זיין קינדערוויגעלע, דער מאמעס פארטוך, אויפריכטיג, מיט א דיכטערישער התפעלות. א נאאיוו פאסטוך־פייפל פון שעפּסעלאך און פויערש מיידל האט דא געקלונגען ווי א קאנצערט־האַרפע: דאס ערשטע מאל א זוינס געהערט! און מ׳איז געלאפן אויף חידושים, און מ׳האט געשלונגען מיט לעפל א זיסן יוגנט־טרוים, געקוויקט זיך מיטן מַן.

פאר ליטעראטור איז דאס געווען א שטיק אַנטדעקונג: זאל דאס זיין דאס פארווארלאזטע שטעטל, דאס יידישליכע שפּינוועבס? צוויי דורות שרייבער האבן דאס פארהאסט און פארשפּיגן. איצט האט דאַס ווידער מענשלאכקייט געווינען. דורך גאטס קנעכט און קהל און מארק און מילבן־געלאף האט מען ווידער מענשן דערזעהן, מיט חושים און מיט הארץ, מיט ברען און מיט יוגנטוויי. אזוי ווייט אפּגעשיידט זיינען מיר שוין דערפון געווען! ס׳איז געווען אזוי ניי, אז בערד קושן זיך, אונטער אראפּגעלאזטע ברעמען פלאקערט אפייערל, און לעצטגעפאלענע גייען ארום מיט א קוואל באגייסטערונג אין דער טאָרבע! אַ יום־טוב׳דיגער קאלעקטיוו האט דא א שיין געטאן מיט זיין איניגסטער מענשלאכקייט, אפּגעווישט די וואכעדיגקייט, דעם שטויב פון דורות.

פריש און ניי, גאר נישט דאס וועקסן, פילאזאפיש וועלטל מיט דער רוחניות־שיינקייט, וואס באם פריץ. די גרעסטע קונץ —, וואס אַ חן האט זיך דא אויסגעגאסן אויף לייב און לעב. עפיס האט דא אין שטעטל געשמעקט מיט דאָרף, קערנדיג און קרעפטיג. דא האט געשפּאַרט מיט רחבות, מיט געמיט באַ לייביגע יידן מיט בערד, וואס האבן מגושם דרך ארץ פאר תורה און פארן גערגעלע, אזויווי פויערים פאר דער סווענטאַ־מאַריע, און פארקוקן זיך אויף א הויכן בוזעם. אזוי קאָמיש זעהט דא אויס דאס גערגעלע, מיטן אָטעם אוועקצובלאזן! דא מוז דאס אויך אויסזעהן גופיגער, דער רבי — שטארק און ברייט, דאס עלוי־יונגל — רויט־באַקיג, און צעפלאָסענע פאות זיינען דא א שטיק לייב. אבער דער עיקר — דער װאוילער יונג, דער שמייסער! דאס געיעג נאך טויבן און געשלעג מיט שקצים; און מאַרינע, וואס מ׳שינדט זי מיט א בייטש, און באַם ערשטן ווינק איז זי נאָך אויפן בוידעם! דא האט שוין געשפּאַרט דער צרייצטער זכר, אשטיק קאָנסקעװאָליער פּאַפּאָס.

דער שמייסער — דאס איז א לייבליכער ברודער, א שטיק אייגנס. ער האט אסך גלגולים; — דאס וויכטיגסטע אבער בלייבט —, די שטענדיגע אָנגעשטאָלטקייט. דא באנעמט מען ניט מיטן קאָפּ און מ׳װארגט זיך מיט א וואָרט: מוסקולן און גלידער האבן דא די פונקציע צו דיינקען און צו פילן אויך, צו ארבעטן פארן מוח און פארן הארצן. א געמיש פון סענטימענט און רוי, פון לעצט־פארגרעבט און נאאיווער פּאָרכט פאר גייסטיגקייט, פון מאנסביל און קינד. אזא איינער, צעהרג׳עט פון גויישע שטעקנס, שפילט זיך אפּ מיט א טייבעלע, טוליעט דאס ווי א קינד אין בוזעם און מיטן לעצטן אָטעם פליקט ער דעם אפּ דאס קעפל און פאלט טויט אהן א קרעכץ, אזויווי אמדבר־ריז.

אבער מגושם און מאנסביל. דער לאזט זיך הערן און פילן באַ יעדער געלעגנהייט. באַ נאאיוו־אידילישע שמייסערס אזוי גוט ווי באַ יענקל שאבשאוויטש. יענקל שאבשאוויטשעס יידישקייט איז ריינע עבודה־זרה. די ספר־תורה איז דא דאסזעלבע, ווי די איקאָנע באַם פויער. יידישקייט — איז אנצוטאפן מיט די הענט —, אנדערש זעהט ער דאס ניט, באנעמט ניט. אפּגענארט זיך —, איז אויס מיט גאט און אוועק זיין „תורה”, אזויווי א נעגער ערגיץ אין צענטראל־אפריקע שמייסט און שליידערט אין אהונגער־יאר דעם הילצערנעם געץ. די דאזיגע סביבה, אזוי אייגן און פארשטאנדיג, זאל דאס איצט קומען צום ווארט; דאס, וואס ס׳װארגט און ס׳אַרט: ליידנשאפט און געקריינקט געפיל, טרוים און אפּגענארט. דאס בינדל הייזלאך, גאסנמיידלאך, אַלפאָנסן — דאס איז ניט סתם איינע א מיגלאכע קאָמבינאציע צו אנטפלעקן די אנטיטעזע ריין און פארשוועכט, — אויסצושיילן די דראמע, — טרוים און אפּגענאַרטע רייניגקייט אין א זינדיגן זומפּ —, דאס איז די איינציגע רעאלע סיטואציע פאר קאָנסקעװאָליע. ווארום אלץ מוז דא זיין קערנלייביג, גראב־ממשות, מיט די הענט אנצוטאַפּן, — לעצטגעפאלן ווי הייליג. טיפערע גייסטיגע קאנפליקטן אהן דער רוי־מגושמדיגקייט זכר־נקבה איז דא קיין רעאליטעט ניט. ווארום מיר שטייען דא באַ א אינסטינקטן־לעבן, וואס קומט צו ליטעראטור.

שטורמדיגע יארן און שרייבערשער נייגיר וועלן נאך ארויספירן אויף דער וועלט; אין וועג וועט מען זיך טרעפן מיט „פראבלעמען”. ס׳װעט נאַך קומען צו א משיח־אידעע („שבתאי־צבי”), צו אינטעליגענטישע ווייען („מערי”), אבער קאָנסקעװאָליע זיצט דא רייטנדיג. דורך אלע גלגולים בלייבט דער קינסטלערישער קערן גאנץ: די פויערישע עראָטיק, דער ער, וואס הורזשעט פאר דער זי, אויבערגעוואלטיג און פּרימיטיוו ווי א ביאָלאָגיש געזעץ. ווייכער, פארטרוימטער אין דער קאָמבינאציע נקבה־תורה (שרה־שבתאי־צבי). קבלה דארף קיין עראטיק ניט אויסלייען (און דא האט מען שוין באַ פרץ׳ן עפיס געקאנט געפונען). אבער דאס פיינסטע עראָטיש־מיסטישע געוועב אין אזא אנגעצויגן־גייסטיגן משיח־ברען האבן געמוזט צוימען אפילו דעם ווילדסטן נאטוראליסט. שרה מיט דער תורה אין האנט קאן ניט עפענען ס׳מויל אזויווי אַמאַרינע; געשליפענע רעטאָריק מוז דא רעספּעקטירן דאס עסטעטישע וואוילגעהער.

אבער שוין באַ מערין פלאצט דאס. נאך לאנגע ווייליגע וואגלענישן אין אנעץ פון דריי דרעטלאך קומט מען ווידער צום זכר־נקבה־פּרימיטיוו, צום ניהיליסט דעם מאלער באַ דער פויערטע אין שויס; און דאס קינסטלערישע זאקאָפּאניע וועט אייך אנטפלעקן א בילד פון א וואלד־דאָרף באַם ווייכסל אין א שכורער וואַנדע־נאכט. עסטעטן וועלן זיך פּאָרן, ווי דער ער מיט דער זי הינטער אן אויסגעשטערנטן הימל, און מערי וועט דא אין דער לייב־אָרגיע זוכען אַן אויסלייז פאַר דעם וואגלדיגן גייסט.

דער זכר צוערשט, פארכלינעט מיט זכר. און זאל זיין אפילו אזא יידישער ייד, אזוי ארבע־כנפות׳דיג, ווי ר׳ שלמה נגיד. שוין ברענט אין אים, נאך איידער ער איז צום נסיון געקומען; און ער דעמאנט דאס שוין גאט אין תפלה־לדרך. און באלד, באַם ערשטן קער איז שוין די נעץ פאר אים אָפן. די שטילע בעל־הבית׳ישע טאָכטער אין גאסטהויז ווערט דא מיט א מאל אזוי פארפירעריש, אזוי נקבה׳ש אנטבלויזט פון מיידל־צניעות, אז איר שטוינט און מוזט אנהויבן צו קלערן, ניט אנדערש א גאטזאך, דער ס׳ מ׳ אליין שטעקט דא אין שפּיל, אונטערגעשטעלט לילית׳ן צו שטרויכלען א גאטספארכטיגע נשמה. דאס מאל זאל דער יצר־טוב האבן איבערגעשפּארט. אזינד קעגן דער קינסטלערישער זכר־טראדיציע. דערפאר אבער נישט פארוויקלט אכשר בילד, א גלאטע זאָקארבעט אין קיין נייעם געפערליכן פּלאָנטער. ווער ווייסט, ווי דאס וואלט נאך אויסגעזעהן!

אבער דער גארער עפּיזאָד, וואס ריין־קאנסטרוקטיוו שפּאַרט ער ארויס אזוי פּרטימ׳דיק און איבעריג פון א ווייטער פּערספּעקטיוו אין א לעבנססיסטעם פון א פרומעם דור, אזויווי א פליג אויף א פייזאזש, — וואס פאר אן אנצוהערעניש פארן מאלערס אויג פאר מענש־און־וועלט־באנעמען!

אין 20 יאר ארום ווי גאר ביים אנהויב! נאך אלע וואגלענישן און פּראבלעמען קומט קאָנסקעװאליע ווידער צום שמייסער, צו „מאָטקע גנב”, צום פארצאפּלטן ער. א יינגל־א קינד ווערט מיט אמאל פארברעכעריש־רייף (אין העלן טאג אין פרייעם פעלד), פּרעסט זיך איין מיט זכר אין אומרייף מיידלקינד, אין אלע קעמערלאך פון איר וועזן, אזויווי א ווירבלשטויב צעגליט זאמד (דאס זאל זיין אנקמה דער גוטער געזעלשאפט פאר אירע סאציאלע זינד). א געשיכטע פון מעסער־יונגען, נקבות, אלפאָנסן, פארקויפטע טענצערינס,

זשאַנדארן — א גאסן־קנויל תאוה־לייב, רינשטאק־לופט, לאנגווייליגן ברוד, — ערנסט און ניכטער; קורץ, יענקל שאבשאוויטשעס הייזל צעהן מאל אזוי גרויס, נאר שוין אהן א ספר־תורה.

איז דאס א התגלות פון לייב, א מאניפעסטאציע פון דער מאטעריע קעגן גייסט? אזוי האט דאס דער שרייבער אליין געוואלט האבן, געטייטלט און צעקייט ווי א פסוק. א פילאזאפיע געמאכט פון דער ערד („מוטער־ערד", געוויינטלאך), פארריסן קעגן הימל. א קאָנסקעוואליער מליצה. ווארום לייב איז דא דער ג ו ל ם, נישט די באשמעקטע מאטעריע; שטאַלקולטור, נישט די צעשטראלטע מענערישקייט. א נאטורגעשיכטע פון אינסטינקטן, פון פיזיאלאגישע געזעצן — ווערט נאך נישט קיין אנטפלעקונג פאר עסטעטיק און מאראל. ווארום די ערד איז דאָ שטויב, אסטיכיע וואכעדיגקייט, ווי הונגער און קנאָבל־ברויט, קוים זעהט מען דערפון דאס מענשלאכע ארויס. זאל דאס זיין דער אידעאל, דער צוועק, דאס גראב און בלויז? זאל דאס זיין דער מוסר פון אנייער זאַקאָפּאַניער עסטעטיק?

דא איז לייב צום באוואוסט ניט געקומען, און ווען יאָ, אזוי באנעמט מען דאס פאר דער עלעמענטארער „אויסגעלאסנקייט", נישט פאר דער געלייטערטער מאטעריע, וואס זוכט אויסצושטימען אין זיך ווייטערע קאנפליקטן. איין ריר מיטן פינגער צעפאלט דא די גארע ערד־מאראל אין שטויב. דא איז מען צו גייסט נאך נישט געקומען, פארשפּאָרט מען שוין בייצוקומען. קאָנסקעוואליער שמייסערס, וואויל־יונגען, יאטישע טעכטער וואלטן ערנסט געגאפט, מ'זאל זיי אזוינס פירבריינגען.

נישט בלויז אויף לייב; אויף שאנד איז מען זיך דא נישט קלאר. מ'איז טויב און טעמפּ פאר געפאלנקייט און פארקנעכטקייט. ס'איז א שיינער זשעסט, וואס הייזלמיידלאך (אין „גאט פון נקמה") ווייזן זיך אין זייער מענשלאך געשטאלט, מיט וואכענדיגע לייד־פרייד, געניסן אזומער־רעגן אזויווי שפילנדיגע קינדער, נישט קיין דראמאטיזירטע קוקלעס צו פילאזאפירן. אבער ווען נישט מער ווי דאס, ווען קיין שפור געקריינקט געפיל, קיין צאָרן, קיין וויי, (פון דער סיטואציע, נישט פון זייער מויל), — איז דאס א שלעכטער סימן פאר דער „מוטער־ערד", פאר דעם באפרייטן לייב. ווארום ווען איז נאך לייב אזוי פארשוועכט פארקנעכט געווארן, ווי דא!

איין פרט: ווי די פרוי איז דא פאסיוו! זי שטייט ווי אן אפּענע טיר און ווארט. דער מאנסביל נעמט זי ווי אזאך, און גיט איר גאר נישט, ווי אין אַ אָריענטאלישן האַרעם.

קאנסקעוואָליער פריי איז א ביטער געגנאר. דא איז מען נאך נישט ארויס פון פיזיאלאגיע, אזוי ווי דאס קינד אין מוטערס טראכט. באַם ערשטן קאנפליקט מיטן פארשטאנד — זיינען זיי קנעכט באַם בעל־הבית'ישן עטיקעט. דאס איז אידעאל און מאראל פון „גאט פון נקמה": אמיידל־א ספר־תורה קעגן דעם הייזל־מיידל. זינדיג בלוט קאן זיך קיין מאל נישט אויסלייטערן, אין צווייטן גליד אויך נישט, און גאט שטראפט קינדער פאר זינד פון פאטערס. צוויי ווערטער צו דערמאנען אהייזל־התן שלמה'ן וועגן זיין בעל־הבית'ישן יחוס, — אזוי ווערט ער גוט און פרום און פינטעלט שוין מיט די אויגן אזויווי א יידענע צום ונתנה־תוקף. נישטא גרינגער ווי צו פירן אזא איינעם א „הפקר־יונג" אויף א צוקער־שטריקל לייטישקייט, ער זאל זיך שלאגן „חטאתי". פעסט, אויף דער עלטער איז דאס זיכערע קאנדידאטן פאר גבאי'טעס און תהילים־זאגער!

מערי'ס „מ'מעג שוין" — איז א פארצווייפלטע קארט אין א פארשפּילטן קאן. און ר' שלמה נגיד'ס קאנפליקט פאר דעם צעשפּילעטן מיידל־בוזעם באַ דער צוואָג־שיסל, דאס איז דער קלאַסיש־יידישלאכער שטרייט יצר־הרע־יצר־טוב, און דאס קוילער־געסל בלייבט געטריי דעם „שבט־מוסר".

קורץ, — נישט די ערד האט זיך דא פארמאסטן קעגן הימל, בייגעקומען געוויס נישט; נישט לייב האט זיך דא באפרייט פון דער בעל־הבית'ישער צניעות־צביעות־מאראל. נישט מער, מ'קאן נישט ביישטיין, און דער „יצר־טוב" שלומערט נאך און זינדיגן יוגנט־לייב. שטיפעריי! באַם ערשטן שנאָל וועט ער, דער יצר־טוב, ארויס ברייטלאך אויבן־אן אין שוך און זאקן און ווערן דער וועג־ווייזער.

בלייבט פונם גארן נצחון ערד איבער הימל — א הומארעסקע, א פעליעטאן־שטיק פון דער פויערטע מיט דער יידענע דער שכנה. געטער קריגן זיך דא באַ ליכט־בענשן און באַצלמ'ן זיך, און זיי, מענשן־קינדער, מאכן שלום צווישן געטער: טיילן זיך שכניש מיט א ביסן און מיט אַלטמיילערישער פלאפלעריי.

ערד און לייב, דאס איז די טויז באַ א ליטעראטור — אַן אנהויב. קאָנסקעוואליער פרימיטיוו קינסטלעריש געשלייערט, עפּנט זיך דא א טיר צו ליטעראטור, וויל צוקומען צו א וועלט, וואס דענקט און פילט מיט מאטעריעלע פאָרמען און בילדער. מיר האבן שוין געזעהן, ווי אזוי דאס איז געטאן געווארן. וואס איז חוץ דעם? וואס נאך געהערט דא צו א וועלטס מאראליש, עסטעטיש פארמעגן, צו קינסטלערישע צוועקן און וועגן?

צו דער צייט, ווען איינינע אונזערע „יונגע", איצט שוין „קלאסיקער", האבן זיך אויסגעפּיקט פון פרץ'ס נעסט, האט זיך באַ אונז דערוועקט דער פאלקיזם, אמין רוסישע „נאַראָדניטשעסטווא" נאר אין א עסטעטיש־מאראלישן שטייגער. דער ערשטער אינסטינקטיווער קער פון אן אויפגעוואכטער אינטעליגענץ־אנהויבער צו געפונען דעם שורש, זיך גופא געפונען, א ליניע, פאר סטיל און אייגנס אין א סביבה פרעמדער קולטור און אידעאלן. פרץ, דער ווייטסטער אנזאגער, האט דא ווי אלע־מאל דעם וועג געוויזן. זיינע „פאלקסטימלאכע געשיכטן" זיינען געווארן אַמין מאדערנע ביבל באַ דער יוגנט, לייענער ווי שרייבער. אבער פרץ האט דאס מ ע נ ש ל י כ ע געזוכט, נישט דאס יידישלאכע; דעם קוואל, ניט דאס שטייוואסער. דער גארער צויבער פון פרץ'ס פאלקסהעלדן איז דער, וואס ער האט אין זיי אנטפלעקט די ט י פ ע מ ע נ ש ל י כ ק י י ט. ארויסגעצויגן פון דער אומעסטעטישער יידישער שאלעכץ, וואס האט זיי פארשטעלט פאר א וועלט, פאר אונזער אייגן אינטעליגענטיש אויג, און דעם העכסטן מאראלישן תוך אנטפלעקט, פערזענליכקייט אויסגעשיילט און זיי קינסטלעריש־פעהיג געמאכט, אזוינס וואס זאל נעמען, באגייסטערן.

נישט קיין נסים, נישט קיין מצוות! געריירט האט דא נשמה־ליכט, געקריינקטקייט און פאראנטווארטונג פאר א וועלט־סדר, שטארקער אין־זיך־גייסט, ליבשאפט, פלאמנדיג גלויבן. העכער פארן הימל איז די ערד באַם נעמיראווער, און א בינטל האלץ פאר א קראנק־עלנדער פרוי איז פריהער פאר סליחות. אפילו אין דעם יידן, וואס איז זיך מפקיר פאר א זעקל ארץ־ישראל־ערד, צאפּלט אידעאליזם: עפּעס פארמאגט דער וואכעדיגער סוחר געהויבן־מענשליכעס, אזוינס, וואס איז אים וויכטיגער פאר גאָלד, פארן לעבן.

פון אזא חדר ארויס, און באַ דער אלטער שטעטל־טראדיציע אין אונזער ליטעראטור, איז געווען נאטירליך, אז דער יונגער זאל צום שטעטל צוריקקומען, נאר שוין מיט אניי אויג, מיט אניי־געוואונענער קינסטלערישער מאס. דער עולם־הזה׳דיגער, דורך־און־דורך לעבמענש, רייף געווארן שוין אונטער פרץ׳ס ליטעראַרישע פליגל, נישט באַ דעם ספר־יאָך, האט פארמאגט א שליסל צו דעם ערדישן אין שטעטל. דא איז ער אויפן פערד. די טראדיציע פונם ווייכסל, פוילערישע מאלערישקייט, א לעגענדע פון קאזימירס אסתר׳קע — האט דא ארויסגעבראכט דאס קערנדיגסטע, דאס זאפטיגסטע: פּייזאזש, גראציע און מענערישקייט, יוסטינע׳ן (אין "משיח׳ס צייטן"), פלאסטישע ביבלישע בילדער. דארפישע פרישקייט און יוגנטלאכע פארליבטקייט (אלצאיינס אין וואס) האט דא באשיינט א פארווארפענעם שטייגער, געוויזן עפעס מער ווי דאס וואכעדיגע אויג האט געזעהן, אנדערע אוועג געוויזן. א גאנצע ליטעראַרישע שול איז באשאפן געווארן: ווייסענבערג איז דא די שטארקסטע זייל.

א נאטירליכער געזונטער אנהויב, א זיוווי די ערשטע יינגל־ליבע, וואס מ׳דארף דערפון א ר ו י ס ו ו א ק ס ן. פון דאנען האט געזאלט ערגיץ וואוהין א וועג פירן. צי קאן מען לעבן און וואקסן מיט יענעם שטייגער, אין יענע ד׳ אמות? אזויווי מ׳קאן נישט בלייבן באַ דער בייטש און באַ דער קאַפּאטע. ערגיץ האט דא געזאלט אוועג פירן צו א וועלט מיט א שטארקן לעבנס־אימפעט, מיט אויסגעוואקסענע אינדיווידועלע ליידנשאפטן, סאציאלע קאנפליקטן, קולטור־דראמאטיזם. דאס שטילע ווינקל האט געהאלטן אין איין זונקען, די שטאט האט באַ דעם אויסגעזויגן דאס שטארקסטע, דאס וואכסטע, דאס איבערגעמאלן אויף אירע מילשטיינער. צוריק אומגעקערט׳ א יוירונגס־שטאף, וואס האט געשפילט, צעמישט דאס שטייענדיג וואסער, אבער געלייטערט אויך. פאר אונזערע אויגן האט זיך דאס געביטן. שטעטל האט פארלוירן סטיל. די תקיפות געבראכן, — און ס׳פעלט שוין דעם שטייגער די איניווייניגסטע זיכערקייט. צי לעבט ער שוין גאר אויף זיין וועלט. די רעוואלוציע (1905) אין אירע נאכווייען האבן געבראכן, איבערגעקערט. דער נעכטן איז מיט אמאל געווארן פארגאנגנהייט. די יוגנט איז געשטאנען א געבראכענע פאר א נייער וועלט, אבער שוין באפרייט קעגן א שטיק אייגענער געשיכטע. דאס נייע, דאס מענשליכע, האט געפּייניגט און געפרייט. די וועלט האט אונז אנגעהויבן מער אָנצוקערן, איידער די פארדומפענע היים. די היים האט דאס געמוזט מיטמאכן, אויף איר שטייגער. דער ייד האט זיך אנגעהויבן עמאַנסיפּירן פון יידישקייט, דערווייל נאך בגנבה, פאר זיך, ניט פארן כלל, געשטעלט נאך יארצייט־ליכט און געגעבן א נדבה אויף תלמוד־תורה. צוזאמען מיט אניי־מאדיש מעבל־שטיק האט זיך דא פארגנב׳עט אין הויז אניי מעשה־ביכל, עפעס פון דער וועלט, דערווייל נאך אהן א סטיל, אזויווי אין א אויקציאן־געשעפט. מ׳איז פאקטיש איבערגעוואקסן, ארויס פון שטעטל, נאך מער פון דעמס השגות, געלאזט הינטער זיך א פארגליווערט שטיק געטאָ, א שאטן געשיכטע. דוד בערגעלסאָן האט געפּרובט עפנען א פענסטער, האט א זעץ געטאן מיט פויסט, אומעט און מאוס, אז ס׳איז קאַלט און זויער געווארן ("ארום וואגזאל"). ער איז געקומען פון זיך, פון א פיינערער עסטעטישער, מאראלישער קולטור, מיט רעוואלוציע הינטער זיך, — איז זיין ווערק א מצבה געווארן, אפּלאָקן אויף אן אָפּגעבארעטער וועלט, וואס מענשלט זיך און ווערטלט זיך נאך.

האט דא ליטעראטור, טאלענט און גייסט, די ערשטע געזאלט דאס ווייזן, א טיר עפענען, אוועג זוכן. קאן מען דען דא בלייבן אין דער גייסטיגער געטאָ? קורץ — פון שטייגער האט מען דא געזאלט צו קולטור קומען. ס׳האט געקאנט דוכטן, אז דאס געשעט אויך. ס׳איז געווען א פרוב צו באנעמען וועלטגעשעהענישן, פערזענליכקייט, מענש־און־גייסט־פראבלעמען. אבער באלד האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דא אויף נייע וועגן, איז מען עלנט פרעמד, מ׳שטייט אין א ווינקעלע ווי ארעם אויף א נגידישער חתונה, אדער מ׳ברעכט מיט עלנבויגנס גבירישע פארצעליי. האט מען דערזעהן מיט א פרעמד אויג אויסערליכע אינטעליגענטישע שטיק, צייט־גרימאסן בא צופעליגע באגעגענישן אין א שטורמישער תקופה, וואס האט אנגעוואוירן סטיל ("מערי"). סצענע־ערפאלג (א קאפריז פון א נערוועזער צייט פאר עקזאטיק און פרימיטיוו), רעשיגע טאג־זעהונגען און א נייגיריג אויג האבן נעבייטשט צו שפאנען אויף הויכע שטאפלס. איז מען געשפרונגען וואווילעריש איבער דריי מיט אמאל. וואו איז דא וואוקס, וואו שטאלצן? איז דאס גארע אינטעליגענץ־וועזן געווארן א לאנגווייליגער קנויל צעקראכענע באַגערן, אהן א טיפערן וויי, אהן א ווייטערן אויסקוק אפילו, א שפיל פון לאנגווייל מיט נישט; און מ׳נעמט דאס ערנסט, אזויווי דער אויפגעקומענער באקומט צוערשט רעספעקט פאר אריסטאקראטישער קולטור פון פירן דאס געפּעסטעטע הינטל אויף דער שנור.

איז פון דער מאראלישער, רעליגיעזער פראבלעם יענקל שאבשאוויטשעס זינד־און שטראף־באנעמען געווארן, ניי־קאָנסקעוואָליער איוב, און אכראניק פון שבתאי־צבי מיט געטאקטע ביכער־רייד, וואס האבן קוים די נייגיריגקייט געוועקט.

ווארום בעצם איז מען געבליבן באם וויגעלע, באַם אנהויב. דער בעסטער סימן? ווי גיך מ׳האט זיך פון דעם נייעם, פראבלעמאטישן, אפגעטרייסלט! דארטן צו דער היים איז געווען דער וועג אויסגעטראטן, און מ׳האט זיך דארטן געקאנט באנעמען היימיש, געמיטליך. איז ווידער דער שמייסער, אין אנייעם גלגול. אינם גאלדענעם לאנד האט ער זיך ארויפגעארבעט, געקריגן אויף א מינוט אמביציע צו דער "גוטער געזעלשאפט", און א פראל צוריק צום שורש, צום היימיש־פראסטן מיידל, ווייל אזוי, אין די העמד אַרבל, איז געמיטליכער, איידער אין פארקנעפּלטן גיי־ראָק ("דער לאנדסמאן"). אדער די אויסגעשפּילטע אמביציע, — דער אויפגעקומענער מגושם, וואס קויפט אפּ דאס ביסל אַדל, אזויווי סטיל־מעבל אויף אן אויקציאן. דער געבראכענער יחוס קאפּיטולירט פארן משרת און גייט צו אים אויף קעסט ("יחוס"). קאנסקעוואליע איז אויבן־אויף.

בלויז דאס קאנסערוואטיווע, דאס אלטגעבאקענע, נישט דאס אומרוהיגע, נישט דאס שפּראָצנדיגע. נישט וואס דער שמייסער און דער שיינער ייד, נאר דער ערנסט, ווי אזוי מ׳באנעמט זיי! דער משרת דארף גובר זיין דעם יחוס; — א טראגעדיע האט דא טשעכאוו אויסגעטראכט. ווארום גבורה און רויבער־אפּעטיטן דארפן איינשלינגען געשליפענע נעגל

און עסטעטישע מאראל. דרך־ארץ פאר ר׳ שלמה נגיד! — ווארום אטאַש קליינגעלט פאר אביונים און גמילת־חסדים גרויס־געלט פאר קבצנים! אפשיי פאר בעל־הבית׳ישן עטיקעט און מצוות־מאראל. ערנסט און מיטן גאנצן האַרצן. נישט קיין קריטיש אויג, נישט קיין שפור איראניע.

דערזעהט מען יא דאס נייע, — אזוי איז דאס דאס צעבראכענע קאנסקעוואליע, נישט דאס אויסגעוואקסענע. צעפרעסן לייב, נישט און גאַס, אדער געבראכענע געמיטער — די גארע גאלעריי פאַרשוינען, פון שלמה׳ן ביז מאָטקע גנב. אזוי רעכענט זיך אפ די היים מיט אירע אפטריניגע.

גאנץ גלאט איז דאס אבער נישט. צוואנציג יאר איז נישט בלויז איין גלייכע קינסטלערישע שנור. עפּיס איז דאך געשעהן. תמימות, פרישקייט און פארליבטקייט האבן זיך מיט דער צייט געפּעלט. יארן און שטאט האבן זייערס געטאן, צעפרעסן די פארטרוימטקייט, אפגעווישט די יוגנט־פארב, קיין נייע באַ־גייסטערונג אבער פון דארט נישט גענומען. צייטונגס־שטיק־ארבעט האבן אזוינס זיכער נישט געקאנט אויפטאן. איז געבליבן ליטעראַרישקייט, שרייבער־טאלענט, וואס איז געווארן סאליד. פּאָעטישער חן, זאפטיגע מאלערישקייט, וואס האבן אונז ציינצייט א נייעס אנטפלעקט, האט זיך אויסגעוועפּט. בעל־הבית׳ישער שטייגער און דראמע זיינען הויל און בלויז געווארן. פון קינסטלערישער אינטואיציע — איז געווארן ליטעראַרישע מאניר, קאָנסערוואטיווע באשרייבונגס־מעטאדע. נישט וואס רעאליזם, — נאר ר ע א ל י ז ם פ ו ן מ י ל ב ע ן־ ש ט י י ג ע ר.

וועמען און ווי לאנג קאן דאס אנגיין? גיט נאך ווען אמאל טאלענט א ברען, אזויווי א גרוס פון יוגענט־יארן, איז ווערט עפּיס מער, עפּיס באגייסטערטער. אבער קונסט איז נישט די־יענע געראָטענע שטיק. קונסט איז אַ ו ו ע ג. דער וועג איז דא אבער פון און צו דער פארשטויבטער היים. אימער און ווידער זינקט מען אין וואכעדיגקייק. אַ סטיל פון סטיל־לאָזיגקייק. „מאָטקע גנב", א צייטונגס־ראָמאן, א שטיק קרי־מינעלע כראניק אויף דער גרעניץ ליטעראטור, — זאל דאס זיין דער וואוקס, נאך דעם זיס־אידילישן שטעטל אפילו? האט דאך יענץ וויניגסטנס געשטראלט מיט שרייבערישער פריש־קייט, מיט יוגנט־התפעלות!

ס׳איז געשעהן, וואס מיט אסך אונזערע „יונגע", איצט שוין סאָליד און געקנייטשט פאר דער צייט: ס׳האט געפעלט קולטור! פון דעם טיפן דעק שטראמט אונזער ביסל אייגנס, פון די נידערגעשטעלטע, וואס אונזערע שרייבער האבן אפטמאל מיט טאלענט, מיט הארץ געמאלט, ארויסגעהויבן פון דערנידער, פון פארשוויגן און פארגעסן. דא האט אפט געשפּאַרט מיט טאלענט, מיט עמאציעס, אזוי ווי א פארשוויגענער ליבע־אויסזאג; אבער ניט קיין קולטור, קיין וויסן און קיין געשמאק. ס׳איז נישט די סביבה, נישט דער פארנעם, וואס זאלן דעם טאלענט אויפציהען, פּיילן, פשוט א ברייטערע וועלט ווייזן. ווארגט מען זיך אין די ד׳ אמות. שפּראצט ארויס א טאלענט, אן אנהויבער, אן אנזאג, מאכן מיר די גרויסע וואַרע און דער־לאנגען אים א קרוין. צו דער צייט, ווען ער דארף וואקסן און באוואקסן מיט וועלט און מענש, שטייט ער שוין, דאס לערנייגל, — א מייסטער, א געזאלבטער אויף א מילבן־הויפן. און איינער נעמט דאס ערנסט. וואס האט ער נאך צו זוכן, און וואו צו געפינען?

ס׳איז ענג באַ אונז און לופט פארפעלט. א וועלט האט אונז איבערגעיאגט מיט פייערדיגע רייטוואגנס. שטייען מיר הינטער־שטעליג און האלטן זיך שטארק פאר אונזערע בעסטע לויפערס, און זיי פאר אונז.

ס׳איז אן אלטע געשיכטע. נישט איינער איז מיד און פאר־צווייפלט אנהויב שפּאַנען געבליבן. אנדערע האבן זיך גארנישט פארמאסטן.

דעם אנהויב זיינען מיר דאך איבערגעוואקסן. נישט בלויז אין טרוימען, און ווייטקוקן, נישט בלויז פון צוזעהן באַ פרעמדע טישן. עפּיס איז געשעהן באַ אונז אויך. א נס, אדער אויסגעוואקסן! דער קוואל האט שוין געריסן לענגער. נאך דער ערשטער שטופּע ליטעראַרישקייט האט געמוזט קומען ליטעראטור, קינסטלערישע רייפקייט. דער נייער שטראם, וואס האט איבערגעקערט דעם גארן אלטפרענקישן שטייגער, האט געמוזט פארנעמען אונזער קינסטלעריש נייס, וואס איז נאך נישט געווען געקרוינט און האט ערשט געקאנט עפּיס געפונען און געווינען. אנשטאט מאָדעל־ארבייט זאל קומען דער פון־זיך, ממעמקים. גראד די לעצטע יארן ערדציטערניש און חורבן האט דאס אשפּאר געטאן מיט דער גארער יוגנטליכער קראפט. יונגערע און טאלענטן, שוין געהאט פאר זיך די געקרוינטע און זייער ליטעראַרישן וועג, האבן זיך א הויב געטאן און אונז אשפּאַר געטאן, א מענגע פּאָעטישע באגריפן און געוואוינהייטן איבערגעקערט. און דאס ערשטע איז דא געווען, אז דאס אלטע איז אלט, דער צוועק (עסטעטישער פאלקיזם) ווי דער וועג (ראמאנטיזירטער רעאליזם). זאל דארויף רוהען דער אפשיי פאר מוזייען און אנטיקן, אבער זאלן אונז שאטנס ניט שטיין אין וועג אין מיטן העלן טאג. מיר וועלן דערפון אַרויסהויבן דאס מענשליכע, דאס אייביגע, מיט א קריטיש אויג און גיין אקעגן מארגן, זוכן אוועג צו וועלט, צו מענש. בא אונזער ארמקייט איז שוין אזא פראגראם א שטיק געווינס. אנייער דור איז אויפגעשטאנען; ער ציהט דעם פאדים פון רעוואלוציע און ליטעראטור, נישט פון נעכטן, נישט פון קאמף פאר ליטעראטור. איז שוין זיי קלאר, וואוהין אומקולטור פירט, און צי איז זיי באשערט נישט צו בלייבן שטעקן אין מיטן וועג? דערווייל אבער האבן זיי אונז פונם קוילערגעסל אויף א וועג ארויסגעפירט. דער נייער יידישער ראמאן, די נייע יידישע ליריק איז שוין מער ווי א צוזאג: טאלענט און פיינקייט, קינסטלערישע קולטור. זיי האבען אונז אנגעשטעקט מיט זייער מוט און אונז אפגעקערט פונם נעכטן.

ווארום דאס רעאליסטישע קאנסקעוואליע, און אלץ וואס דערמיט, א גאנצע תקופה יידישע ליטעראטור, איז — נעכטן. נעכטן, וואס האט שוין קיין היינט נישט. שוין אונטערגע־פירט דעם סך־הכל און געמאכט דעם שטריך. א נייע שטיק איז צוגעקומען דעם יידישן קלאסיציזם; און מיר קוקן שוין דארויף מיט אויג געשיכטע. מעג מען שוין אין ווארשע קרוינען דעם יונגן קלאסיקער. שוין צייט!

בעל דמיון